בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת שְׁמוֹת

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>**718-384-1652** | **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh Boro Park<br>1011 41 Street<br>**718-384-1652** |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>**845-467-5299** | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>**845-243-0563** |
| **היכל הקודש בלומינגראוו**<br>Heichal Hakodesh Blominggrove<br>24 Merriewold Ln S<br>**845-379-1161** | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh Monsey<br>32 Dolson Rd.<br>**347-733-7551** |

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## חיזוק צום טיר!

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות,
ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן.........................א

זָאל אִיךְ גֵיין אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַיין טַאטֶע אָדֶער צוּ מַיין מַאמֶע?.........ג

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק נָאכְ'ן לַיידְן אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן?................ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מַיין שְׁוֶוער קַיין בְּרֶסְלֶב?..............ו

פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמָאלְדְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט קַיין
בֵּית שֶׁמֶשׁ?.................................................................ט

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע
ווַייבּ?..................................................................יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

גֵיי אָנְגֶעטוּן אֵיידְל ווֶעסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר...............א

ווֶער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע
עֲבֵירוֹת.....................................................................א

שְׁטוּפּ נִישְׁט אֶפּ דָאס דַאוֶוענֶען אוֹיף שְׁפֶּעטֶער............................ב

מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵיידְל...................................ג

הֶעלְף אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת אוּן עֶרֶב
שַׁבָּת........................................................................ה

אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב.............................................ו

ווֶען מֶען שְׁוַוייגְט אֶפּ אוֹיף אַ בִּזָיוֹן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע
עֲבֵירוֹת.....................................................................ז

פָּארְן קַיין אוּמַאן אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת.........................................ח

דוּ קֶענְסְט רַאטֶעוֶוען לֶעבְּנְס דוּרְךְ הַפָּצָה.......................... ט

וֶוער נִישְׁט פַּארְלוֹירְן וֶוען אַ קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט.................. י

דְרוּק וַוייטֶער דִי בְּרִיוו, לָאז דִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן..................... יא

הַאלְט אִין אֵיין הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן פְּרִישׁ אוּן פְרֵיילִיךְ. ............ יב

יוּנְגֶע קִינְדֶער דַארְפְן שְׁפִּילְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְן. ........................... יב

וֶוער עֶס הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.................. יג

טוּן חֶסֶד אוֹיךְ אִינְדֶערְהֵיים.................................................... יד

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג. .............. יד

יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, ווארויל אִיז דֶעם מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט גוּטֶע
זַאכְן. ......................................................................... טז

קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה שֶׁל אֲרִיזַ"ל אִיז פַּאר אַלֶעמֶען............. טז

יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מְ'רֶעדְט, בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער דַיין רִיכְטִיגֶע
שִׁידוּךְ. ........................................................................ יז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן.**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם.

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ גֵיי אַסַאךְ מָאל אִין פַּארְק וואוּ אִיךְ טְרֶעף זִיךְ מִיט גוֹיִם אוּן אִיךְ טוּ עֲבֵירוֹת מִיט זֵיי. פַאר אִיךְ גֵיי אַהִין, וֶוען אִיךְ קוּם צוּרִיק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה ווִיל אִיךְ עֶס בֶּאֱמֶת נִישְׁט טוּן, אָבֶער פוּן דֶעסְט וֶועגְן טוּ אִיךְ עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶעם?

אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת ווִיפִיל אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צְווִישְׁן דִי סְדָרִים אִין מַיין יְשִׁיבָה, אָבֶער פוּן דֶעסְט וֶועגְן הַאלְט אִיךְ אֵיין פַאלְן. דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן גַאס מוּז אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי, אוּן אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ מְשׁוּגָע.

יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער טוּ אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה, אִיךְ זָאג נָאכְאַמָאל צוּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, אָבֶער אִיךְ פַאל וַוייטֶער דוּרְךְ.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס וֶועט מִיר טַאקֶע הֶעלְפְן, ווַייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט גוֹיִם אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי; וֶוען דוּ זָאלְסְט וויסְן ווִי שְׁטַארְק אַ גוֹי הָאט פַּיינְט אַ אִיד וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אוּן גֶעהַאט צוּ טוּן מִיט זֵיי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי בְּהַעֲלוֹתְךָ, סט) רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט: "הֲלָכָה הִיא, בְּיָדוּעַ שֶׁעֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב", עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז עֵשָׂו הָאט פַּיינְט יַעֲקֹב; מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם אַז אוֹיף דִי הֲלָכָה קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט, יֶעדֶער הַאלְט אַזוֹי ווִי רַבִּי שִׁמְעוֹן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מֶער נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין שׁוּם פַּארְק וואוּ גוֹיִם שְׁפִּילְן זִיךְ וְכוּ׳; גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן זֵיי אוּן הָאבּ נִישְׁט מִיט זֵיי צוּ טוּן, ווַייל זֵיי קֶענֶען דִיר שְׁלָאגְן אוּן דִיר מַזִּיק זַיין הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אַזוֹי ווִי מֶען הֶערְט כְּסֵדֶר אִין דִי נֵייעֶס ווִי גוֹיִם שְׁלָאגְן אוּן הַרְגְ׳נֶען אִידְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע: "וָואס טוּט מֶען מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ׳?" בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ; שְׁטֶעל זִיךְ בַּיי דִי מְזוּזָה, לֵייג דַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן", אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן; הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ שֵׁיינֶע כַּלָּה אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן; אוֹיבּ מֶען הִיט דִי אוֹיגְן הָאט מֶען גוּט חֲתוּנָה אוּן מֶען הָאט לִיבּ צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, ווִידֶערְאוּם אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; דִי לֶעבְּן וֶוערְט נִמְאָס, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גָארְנִישְׁט.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן מִיט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, ווַייל גְמָרָא הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן רוּחוֹת רָעוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

**זָאל אִיךְ גֵיין אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַיין טַאטֶע אָדֶער צוּ מַיין מַאמֶע?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ אוֹיף דִי לֶעצְטֶע בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט, בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵדֶר מוֹעֵד.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט, אוּן אַסַאךְ מָאל קוּמְט אוֹיס אַז פַּאר שַׁבָּת בֶּעט מִיר מַיין טַאטֶע אַז אִיךְ זָאל גֵיין צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת, אוּן מַיין מַאמֶע בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל גֵיין צוּ אִיר, צוּ וֶועמֶען זָאל אִיךְ גֵיין?

אִיךְ שְׁרַייבּ דִי וֶוערְטֶער מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן וָואס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ טָאג אוּן נַאכְט, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין לֶעבְּן גֵייט מִיר פַארְבֵּיי, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קְרִיגְן, יֶעדֶער ווִיל נָאר אָפְּטוּן דֶעם צְווֵייטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ חִיזוּק.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן וֶועגְן הֶפָּצָה, אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן מַאכְן הֶפָּצָה, ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען עֶס? אוּן אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן חִיזוּק אוֹיף הֶפָּצָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ד טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; אֱמֶת, דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט צוּ זֶען, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי מַחְלוֹקֶת, דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע - סַיי דַיין טַאטֶע אוּן סַיי דַיין מַאמֶע.

בְּנוֹגֵעַ וואוּ צוּ זַיין שַׁבָּת; אֵיין שַׁבָּת זַיי מִיט דַיין טַאטֶע אוּן אֵיין שַׁבָּת זַיי מִיט דַיין מַאמֶע, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם בַּיי זֵיי קֶענְסְטוּ גֵיין צוּ אַ זֵיידֶע וְכַדוֹמֶה, אָדֶער וואוּ עֶס אִיז דִיר בַּאקְוֶועם.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה;

תּוֹרָה מַאכְט שְׁטַארְק דֶעם מֶענְטְשׁ, תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן און וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע טֶעג. נֶעם אַ גְמָרָא און לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין דַיין שְׁוֶועֶרֶע מַצָב.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, און אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא און אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

הַפָּצָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת און חִיזוּק פַאר אַנְדֶער, דוּ דַארְפְסְט נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט פוּן לֵצִים. גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם; וֶוען דוּ גֵייסְט הַפָּצָה פְרֶעג יֶענֶעם: "דַארְפְסְט אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה?" אוֹיב יֶענֶער זָאגְט: "יָא", בֶּעט אִים צְדָקָה, גֶעבּ אִים דִי סֵפֶר וְכַדוֹמֶה און גֵיי וַוייטֶער, רֶעד נִישְׁט און טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט. אוֹיב יֶענֶער זָאגְט: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דֶעם סֵפֶר", זָאלְסְטוּ יֶענֶעם פְרֶעגְן: "אִיר ווִילְט אֶפְשָׁר גֶעבְּן צְדָקָה?" מֶער רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו, אִיךְ וֶועל דִיר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף צוּרִיק שְׁרַייבְּן.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

...

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק נָאכְ׳ן לַיידְן אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין רִיעֶל עֶסְטֶעיט, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַיינְצוּקוֹיפְן שְׁטָחִים און בִּנְיָנִים און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט. דֶעם לֶעצְטְן זוּמֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁטַח וָואס וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים און צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מְ׳קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶערוֹיף קַיין רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן, און אִיךְ הָאבּ דֶערְלֵייגְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ. אִיךְ קֶען מַמָשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר פוּן דֶעם, סְ׳אִיז פַאר מִיר זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ אַרָאפְּצוּשְׁלִינְגֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵק זַיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:): דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶּעסֶער וויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵק זַיין. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר רַב הוּנָא: "לְעַיֵן מַר בְּמִילֵיהּ", עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חַשִׁידְנָא בְּעֵינַייכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלֹא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שָׁאדְן אוּמְזִיסְט אוֹיבּ עֶס קוּמְט נִישְׁט, הָאט רַב הוּנָא זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אִין אִים, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר צָאלְט נִישְׁט זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען, רַב הוּנָא הָאט זִיךְ פַארְגֶענוּמֶען אַז עֶר גֵייט זֵיי גֶעבְּן וִויפִיל מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעְן אַ נֵס אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְלוֹירְן קַיין גֶעלְט.

אַז דוּ הָאסְט שָׁאדְן וְכוּ' זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִיסִים, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע שָׁאדְנְס, דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן פַארְדִינֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שָׁאדְן וְכוּ' דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפז): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, יג): "וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט וֶוען אַן עוֹנֶשׁ סְתָּם אַזוֹי וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער וֶוען דֶער עוֹנֶשׁ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, גֶעוָואנְדְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מַיין שְׁוֶוער קַיין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין שׁוֹין עֶטְלִיכֶע און צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה לֶעבּ אִיךְ קוֹים אַ הַאלְבֶּע יָאר. פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶעבְּן, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, מַיין תּוֹרָה און תְּפִלָּה הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, און מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, מַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ער אִיד, אַן עוֹבֵד ה' און זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ. יָארְן צוּרִיק פְלֶעגְט עֶר הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב און עֶר פְלֶעגְט פָארְן אוֹיף אוּמַאן, אָבֶּער צוּלִיב דִי פָּאלִיטִיק וָואס הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעטוּן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְעֶקֶלְט פוּן בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט פָארְן קַיין אוּמַאן, און עֶר וויל נִישְׁט הָאבְּן גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב. זַייט דֶעמָאלְט אִיז עֶר מַמָּשׁ אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ קַיין שׁוּם פְּלַאץ אָדֶער חֲסִידוּת.

עֶס שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב, און עֶר הָאט אוֹיךְ אַ זוּן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אִיךְ זֶע ווִי עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן, און אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אִים אוּמְקֶערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וויל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ קְלוּגֶע וֶועג אָן אִים צוּ טְשֶׁעפֶּען און אָן צוּ שְׁטֶערְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין שְׁוֶוער הָאט אָפְּגֶעלָאזְט בְּרֶסְלֶב צוּלִיב דִי זֶעלְבֶּע סִיבָּה פַארְוָואס רֶבִּי נָתָנְ׳ס שְׁוֶוער הָאט גֶעהַאקְט טָאג און נַאכְט אוֹיף חֲסִידִים.

מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכא): דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָכָר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען רַב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אִין אוּקְרֵיינָא: שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ אוּן מָאהִלִיב. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ צַדִּיק", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: "וואוּ עֶר גֵייט, גֵייט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא מִיט מִיט אִים"; דֶער רֶבִּי דָוִד צְבִי הָאט נִישְׁט לִיב גֶעהַאט חֲסִידִים, עֶר הָאט גֶעהַאקְט טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף חֲסִידִים.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז רֶבִּי דָוִד צְבִי גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי הַנְהָגָה פוּן דֶעם צַדִּיק, אָבֶּער עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס זַיינֶע חֲסִידִים רֶעדְן אַקֶעגְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוֹבֶער זי"ע, הָאט רֶבִּי דָוִד צְבִי גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פָארְן צוּ דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוֹבֶער זי"ע, עֶר וִויל זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צִי רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוֹבֶער זי"ע אוּן צוּגֶעזֶען זַיין עֲבוֹדָה אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיין הִתְנַהֲגוּת, אָבֶּער עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט צוּ הֶערְן פוּן זַיינֶע חֲסִידִים לֵיצָנוּת אוֹיף רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זי"ע, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' אוּן דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ'. עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן דִי מַחֲלוֹקוֹת אוּן פִּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים בִּיז עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף אִים אוּן וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף אִים"; דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט עֶר זָאל פַיינְט הָאבְּן חֲסִידִים. פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער וִוי עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ זֵיי אַקֶעגְן חֲסִידִים.

דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס דִי אַלֶע מַחֲלוֹקוֹת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן; וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּם שְׁנַת תקס"ג אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ה), אִיז אִים פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן דִי שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס הָאט אִים לַאנְגֶע יָארְן גֶעשְׁטֶערְט, אַ קַשְׁיָא וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּגָרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", דוּ דַארְפְסְט גְלֵייבְּן אַז דִי אַלֶע מַחֲלוֹקוֹת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דִיר

פַארְטְרַייבְּן פוּן זֵיי, "כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה עַל שֶׁפְּגַמְתָּ בִּטְפֵּי מֹחֲךָ", וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז מִיר גְלַייךְ פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, נָאר מִיר צוּ פַארְטְרַייבְּן, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי".

דַיין שְׁוֶוער אִיז נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעלָאזְט בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ מַחְלוֹקֶת וְכוּ', זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ דִי עַזּוּת פְּנִים'עֶר וָואס מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן אַסַאךְ וֶוערְן נִישְׁט מְקוֹרָב אוּן לָאזְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער מְקוֹרָב וֶוערְן צוּלִיבּ דִי וָואס מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע): "וְהִנֵּה הָיָה רָאוּי שֶׁיִּמָּשְׁכוּ כָּל בְּנֵי אָדָם לְזֶה הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט זִיךְ וֶוען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם צַדִּיק, "אַךְ עַל יְדֵי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, מַפְסִיקִין וּמַרְחִיקִין מִמֶּנּוּ. הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם, שֶׁעַל יְדֵי דִּבּוּרָם וּמַעֲשֵׂיהֶם הֵם מַבְרִיחִים אֶת בְּנֵי אָדָם, לְהַפְסִיקָם וּלְהַרְחִיקָם מֵהַצַּדִּיק", נָאר עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס דוּרְךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּן זֵייעֶר רֶעדְן זֶענֶען זֵיי גּוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם צַדִּיק.

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג מְקַרֵב צוּ זַיין דַיין שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִיז דוּרְךְ דַיין הִתְנַהֲגוּת; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ מְקַרֵב זַיין דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּם רֶבִּי'ן. זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַרֵב זַיין זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּם רֶבִּי'ן דוּרְךְ זֵייעֶר הִתְנַהֲגוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים

זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמָאלְדְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ, עֶס אִיז שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ הֶערְן אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן דָאס הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶערָאכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן.

עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען דָא בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן. וויל אִיךְ פְרֶעגְן פַארְוָואס מְ'הָאט נִישְׁט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן פָארְאוֹיס אַז אִיר קוּמְט? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט מְהַנֶה זַיין נָאךְ אִידְן אֲפִילוּ זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶערֶעכְנְט אַלְס תַּלְמִידִים פוּן אַייעֶר יְשִׁיבָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעטוֹישְׁט דַיין לֶעבְּן אוּן דִי לֶעבְּן פוּן דַיין שְׁטוּבּ.

וֶוען מֶען נֶעמְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן טוֹישְׁט זִיךְ דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן; בִּפְרָט וֶוען מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער; מוֹהַרְנַ"ת פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר צוּ בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'. וֶוען אַ

מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים.

דוּ דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ אַלֵיין וֵוייס אוֹיךְ נִישְׁט וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶס פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אָן קַיין פְּלֶענֶער אוּן אָן קַיין הֲכָנוֹת וְכוּ'. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מַמָּשׁ פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן צוּ אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה.

מָאנְטָאג וַיִּשְׁלַח בַּיינַאכְט בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן, דִינְסְטָאג פַארְנַאכְטְס אוּם זֶעקְס אַזֵייגֶער בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען; אִיךְ בִּין גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין "בֵּית שֶׁמֶשׁ" צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דָארְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה אוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם עוֹסֵק זַיין אִין אַ שִׁידוּךְ וְכוּ', עֶלְף אַזֵייגֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ שִׁיעוּר אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ.

מִיטְוָואךְ בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ מִתְפַּלֵל זַיין, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן פוּן צַייט צוּ צַייט. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין צְפַת, קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם דַף אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן פוּן דָארְט אַהֵיים קַיין נְיוּ יָארְק.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז מֶען אִיז נִישְׁט מוֹדִיעַ פוּן פָארְאוֹיס; אִיךְ אַלֵיינְס וֵוייס נִישְׁט וֶוען אִיךְ פָאר. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים אִין יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ'.

אַז דוּ ווִילְסְט מִיט הַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט דִי תַּלְמִידִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אַ חַבוּרָה פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. זָאלְסְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי וֶועלְן זֵיי דִיר מוֹדִיעַ זַיין וֶוען עֶס קוּמְט פָאר אַ שִׁיעוּר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי דִיבּוּרִים וָואס דוּ הֶערְסְט אוּן פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן. וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן וֶוערְן נִישְׁט מְקוּרָב, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָּאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", ווייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - (וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע ווייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין ווייבּ לַיידְט פוּן "בָּארְדֶערְלֵיין פֶּערְסָאנַאלִיטִי דִיסָאְרְדֶער", דָאס קוּמְט מִיר נִישְׁט אָן גְרִינְג, אָבֶּער פוּן צַייט צוּ צַייט בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה.

צוּלִיבּ מַיין ווייבּ'ס פְּרָאבְּלֶעם, בִּין אִיךְ אַבִּיסְל בַּאגְרֶענִיצְט מִיט וָואס אִיךְ קֶען טוּן פַאר פַּרְנָסָה, אוּן לֵיידֶער מוּז אִיךְ כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע.

אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, אָבֶער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, סְתָּם אַזוֹי פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ, אִיךְ בִּין קֶעגְן סְמַארְטְפָאוּנְס, אָבֶער וֶוען עֶס כַאפְּט מִיר אָן אַ שְׁוואַכֶע מִינוּט, גֵיי אִיךְ אַרֵיין אִין אַ גוֹי'אִישֶׁע סֶעלְפָאוּן סְטָאר, אוּן אִיךְ קוּק שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

פוּן אֵיין זַייט טְרַאכְט אִיךְ "אִיךְ בִּין דָאךְ אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, ווִי קוּמְט דָאס צוּ מִיר?" אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת, אִיךְ הָאבּ צוּטוּן מִיט מַיין פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע ווַייבּ, וָואס אַסַאךְ מָאל זִידְלְט זִי מִיר אָן, אוּן אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אַ צְווֵייטֶע פְרוֹי. אוּן פַארְוָואס הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַזַא קְלָלָה אַז וֶוען אַ פְרוֹי וֶוערְט עֶלְטֶער פַארְלִירְט זִי אִיר שֵׁיינְקֵייט?

אִיךְ הָאבּ ב"ה לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן מַיין שְׁאִיפָה אִיז צוּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אָבֶער אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר אַרָאפּ לֵיידֶער. אִיךְ וֵוייס אַלֵיין נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ בִּין אַלֵיין אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת. אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט נָאךְ פְרוֹיעֶן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן וָואס דוּ זִינְגְסְט אִינֶעם בְּרִיוו, אַז דַיין ווַייבּ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ' וְכוּ'; מֵיין נִישְׁט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרוּם גֵיין זִינְגֶען אַ נִיגוּן אַז דַיין ווַייבּ אִיז מִיט דִי נֶערְוְון וֶועט מֶען אוֹיף דִיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אוּן עֶס בַּארֶעכְטִיגְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלַן אִין עֲבֵירוֹת.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט, אָבֶער פוּן דַיין בְּרִיוו זֶעט אוֹיס אַז דוּ אַלֵיינְס דַארְפְסְט אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה. דוּ לִיגְסְט נֶעבֶּעךְ אִין זִינְד, דוּ בִּיסְט פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלַן; דַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז דִיר פוּל מִיט טִינוּפֶת, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן וֶוערְטֶער וָואס וֶוען מֶען הֶערְט דִי וֶוערְטֶער דַארְף מֶען זִיךְ רַייסְן קְרִיעָה, דוּ שְׁרַייבְּסְט: "ווִי גְלִיקְלִיךְ וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זִינְדִיגְן"; ווִי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ אִיד צוּ שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע רֵייד? אוּן נָאךְ אִין דִי זֶעלְבֶּע

צַייט זיךְ בַּאטִיטְלֶען פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן!

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ נִישְׁט לַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַחְשָׁבָה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּדִבּוּר' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַעֲשֶׂה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן".

מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בְּדִבּוּר, עֶר רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין, עֶר טְשֶׁעפֶּעט זַיין וַוייבּ - וֶועט עֶר לַיידְן פוּן אִיר, זִי וֶועט אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט דֶעם דִיבּוּר, עֶר רֶעדְט שֵׁיין, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, עֶר שֶׁעלְט נִישְׁט; בִּפְרַט צוּ זַיין וַוייבּ רֶעדְט עֶר וֵוייךְ, עֶר לוֹיבְּט אִיר אוּן בּוֹיט אִיר אוֹיף, וֶועט זִי נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים, נָאר זִי וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זִי וֶועט הָאבְּן אַלֶע חֵן אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן וִוי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט וֶועלְן זֵיי הָאבְּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט אוּן מֶער גֶעטְרֵיישַׁאפְט.

אַ קְלָלָה אִיז אַז מֶען זִינְדִיגְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוֹיף דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע פַארְנֶעם, וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶער, אַז מֶען זִינְדִיגְט - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט וֶוערְד דָאס לֶעבְּן. פְּלָאֵי פְלָאִים וִוי אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מִיט אַזַא חוּצְפָּה אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶערְ'ס וֶועלְט: "אַ קְלָלָה אַז וִוי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט פַארְלִירְט מֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט וְכוּ'"; וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט. אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נִישְׁט מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, ווַייל וֶוער עֶס הִיט דִי תּוֹרָה, וֶוער עֶס הִיט דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחְשָׁבָה, עֶר לֶעבְּט שֵׁיין מִיט זַיין וַוייבּ, וֶוערְט בַּיי אִים דָאס לֶעבְּן, דָאס שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס שֵׁיינְקֵייט - שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן דִי וַוייבּ; אַז אַ פְרוֹי שְׁרֵייט מֵיינְט נִישְׁט אַז זִי הָאט מִיט דִי נֶערְווְן, אַז אַ פְרוֹי וֵויינְט מֵיינְט נִישְׁט אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אַזוֹי, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁוַואךְ אוּן צֶעבְּרָאכְן וֵויינְט מֶען אוּן מֶען פַארְלִירְט זִיךְ. בִּפְרַט דִי טֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁטֵייט אוֹיף זֵיי, דִי בּוֹיעֶרְס פוּן אִידִישְׁ'ן פָאלְק, וָואס צִיעֶן אוֹיף קִינְדֶער, וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַזוֹיפִיל יִסוּרִים - צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה אוּן נָאכְדֶעם צַעַר הַגִּידוּל, דָאס וַוארְטְן, דָאס גֶעבּוֹירְן אוּן אוֹיפְצִיעֶן - דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אַז דֶער מַאן אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער, עֶר זוּכְט נָאר חֶסְרוֹנוֹת אִין אִיר, אַוַדַאי שְׁרֵייט מֶען אוּן אַוַדַאי וֵויינְט מֶען,

דָאס מַאכְט נָאךְ נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ 'מֶענְטְל קֶעיס', דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זִי אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן; מַאךְ נִישְׁט חָרוּב דַיין שְׁטוּב. הֶער אוֹיף רֶעדְן פוּן אִירֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, הוֹיבּ אָן זוּכְן אִין אִיר גוּטְס, הוֹיבּ אָן זוּכְן אִין אִיר מַעֲלוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲלָה וָואס זִי הָאט, אַז זִי וואוֹינְט בִּכְלַל מִיט דִיר, זִי אִיז נָאךְ נִישְׁט אַנְטְלָאפְן פוּן אַ מַאן וָואס קוּקְט אִיר אַזוֹי אַרָאפּ, אוּן נָאךְ פוּל מַעֲלוֹת וָואס זִי הָאט.

מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ; דוּ זַייִ אִיר טֶערֶעפִּיסְט, דוּ קֶענְסְט אִיר אוֹיסְהֵיילְן. אַ גוּטֶער מַאן, אַ גֶעטְרֵייעֶר מַאן קֶען אוֹיסְהֵיילְן דִי וַוייבּ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף מְחַזֵק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן.

אַז דוּ וֶועסְט זוּכְן אִין אִיר גוּטְס וֶועט זִי נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, זִי וֶועט לֶעבְּן מִיט דִיר; אִיר וֶועט לֶעבְּן וִוי צְוֵויי טוֹיבְּן אִין אַ חָלוֹם.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**גֵיי אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר פַאר דַיין בְּרִיוו אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִילִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן.

הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל תְּהִילִים, זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִילִים; אִין תְּהִילִים לִיגְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

זֶע צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת׳דִיג אוּן צוּ רֶעדְן צְנִיעוּת׳דִיג - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן דוּ הִיטְסְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתָהּ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר זִינְדִיג אוּן עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הִיט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת וַוארְט אִים זֵייעֶר אַ גְרוֹיס שְׂכַר בָּזֶה וּבַבָּא.

בְּנוֹגֵעַ שְׁטַארְבְּן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם וְכוּ'; עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, דָאס אִיז צוּ לֶעבְּן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם. וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין אִין קָאפּ מַחְשָׁבוֹת פוּן שְׁטַארְבְּן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַז דוּ גֵייסְט פוּן הַיינְט אָן לֶעבְּן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן זַיין נָאר צוּ הֵיילִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע דַיינֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין מִיטְ'ן כַּוָונָה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין נָאךְ מֶענְטְשְׁן אֱמוּנָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר; זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה. מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ זֶען וִוי דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דוּרְךְ שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כד).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטוּפּ נִישְׁט אָפּ דָאס דַאוֶונֶען אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לוֹיף אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער; וואוּ וֶועסְטוּ דַאוֶונֶען שְׁפֶּעטֶער? וֶוען וֶועסְטוּ דַאוֶונֶען שְׁפֶּעטֶער? גֵיי יֶעצְט דַאוֶונֶען וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף דִיר אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל

און עֶר פַארְפֶעלְט אַמָאל צוּ קוּמֶען, פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ גְלַייךְ נָאךְ אוֹיף אִים: "וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז מִיט אִים אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען הַיינְט אִין שׁוּל?" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דִי הַשְׁגָחָה אוֹיף זִיךְ.

גֵיי טוֹבֵל זִיךְ אִין מִקְוָה וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּינִים, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוָה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת וִישׁוּעָה בָּאָה".

הַיינְט נַאכְט קוּמְט פָאר דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט קוּמֶען; פְרִישׁ זִיךְ אוֹיף, גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה וְעַצְבוּת, גֶעדֶענְק וִוי דוּ הָאסְט גֶעלֶעבְּט אַמָאל מִיט דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, גֶעדֶענְק וִוי דוּ הָאסְט גֶעאָטֶעמְט דִי רֶבִּי, אַ שָׁאד אִיבֶּער צוּ לָאזְן אַזַא פְּלַאץ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט און מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו): "תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ", עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלָאזְן אַזַא בַּאלִיבְּטֶע חַבוּרָה וִוי מִיר הָאבְּן; נָאר דוּ וֶועסְט מַרְוִיחַ זַיין פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, טְרַאכְט אַרַיין מִיט אַן אֱמֶת: 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' 'וֶוער דֶערְמַאנְט מִיר - וֶוען עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר עֶנְג - אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט?' 'וֶוער וֶועקְט מִיר אוֹיף יֶעדְן טָאג אִיךְ זָאל נֶעמֶען דֶעם דַף גְמָרָא?' 'וֶוער עֶפְנְט מִיר מַיין מוֹיל אִיךְ זָאל זָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' נָאר דֶער רֶבִּי; דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע קְנִיפּ נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

...

## מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵיידְל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אֵייעֶר זוּן קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר מִיט מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער, זָאלְט אִיר אִים מְחַנֵךְ זַיין און אִים לֶערְנֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער.

דַיְיקָא יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גָאר קְלֵיין - אִיז דִי צַייט פוּן חִינוּךְ, יֶעצְט אִיז דִי צַייט אִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען רֶעדְן אֵיידֶל; אָךְ אוּן וֵויי פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, זֵיי לָאזְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער רֶעדְן מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער מִיט דִי טַעֲנָה אַז "זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וְכוּ'".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יג): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה עוֹמֵד הוּא וּבְנוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת; וְכָל הָעָם הָיוּ עוֹנִין אָמֵן וְהַלְלוּיָהּ אַחַר הָעוֹבֵר לִפְנֵי הַתֵּיבָה, וּבְנוֹ עוֹנֶה דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת, וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין שׁוּל, אַלֶע מִתְפַּלְלִים הָאבְּן שֵׁיין גֶעדַאוֶוענְט הַלֵל אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס זַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט הַלֵל, נָאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' אִין שׁוּל הוֹיעֶךְ פַאר אַלֶעמֶען, "וְאָמְרוּ לוֹ הַבְּרִיּוֹת שֶׁיִּמְחֶה בִּבְנוֹ, וְהֵשִׁיב וְאָמַר לָהֶם: 'מָה אֶעֱשֶׂה לוֹ? תִּינוֹק הוּא! יְשַׂחֵק!'" מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דֶעם אִיד עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין זוּן, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט אוּן עֶר רֶעדְט שְׁמוּצִיג וְכוּ'", דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "ס'אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד", "שׁוּב לְמָחָר עָשָׂה כֵּן, כָּל אוֹתָן יְמֵי הֶחָג עָנָה בְּנוֹ דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר". אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, טָאג נָאךְ טָאג, מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט: "ס'אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד", "לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה לֹא שְׁנִיָּה וְלֹא שְׁלִישִׁית עַד שֶׁמֵּתוּ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו וּבֶן בְּנוֹ וְיָצְאוּ לוֹ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה נְפָשׁוֹת בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, וְלֹא נִשְׁתַּיֵּר לוֹ אֶלָּא שְׁנֵי בָנִים: אֶחָד חִגֵּר וְסוּמָא וְאֶחָד שׁוֹטֶה וְרָשָׁע", פִּירְט אוֹיס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר בִּיז זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז אִים אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶס אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי קִינְדֶער - אֵיינֶער אַ בְּלִינְדֶער אוּן אַ הִינְקֶעדִיגֶער, אוּן אַ קִינְד אַ שׁוֹטֶה אַ רָשָׁע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין.

בְּנוֹגֵעַ עֶנְקֶערֶע חוֹבוֹת וְכוּ', אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן וֶוען אַייעֶר מַאן אִיז בְּעַצְבוּת פוּן זַיינֶע חוֹבוֹת; אִיר זָאלְט זֶען אִים צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אִיר זָאלְט אוֹיפְהֵייבְּן זַיין מוּט עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין קַטְנוּת הַדַעַת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת. רוֹב מָאל פַּאסִירְט אַז דִי חוֹבוֹת פַארְמַאכְט דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמֶנְעמֶען אוֹיף גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דִי וַוייבּ - זִי קֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם מַאן עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין קַטְנוּת הַדַעַת, עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן, עֶר

זָאל גֵיין הֲפָצָה וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶעלְף אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת אוּן עֶרֶב שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אַריין בְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת; חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ, זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט קֵיין שוּם אַנְדֶערֶע זַאכְן, הֶעלְף דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט צוּזַאמְבְּרֶעכְן, זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין שְׁטוּבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג) אַז מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר; בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען מֶער זַיין פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ מַאכְן קֵיין פְּרֶעשׁוּר אִין שְׁטוּבּ, דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אוּן עֶר וַוארְט נָאר אַז עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחֲלוֹקֶה צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ווייל וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, עֶר וֶוערְט אַרוֹיס גֶעטְרִיבְּן פוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ.

גְרֵייט זִיךְ אָן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; אַ שָׁאד דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט פָּאלִיטִיק אוּן לָשׁוֹן הָרָע. דַיין וַוייבּ וַוארְט צוּ הֶערְן זְמִירוֹת אוּן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט וָואס מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אָבֶּער שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, רה:) "הַאי יוֹמָא, יוֹמָא דְנִשְׁמָתִין הוּא וְלָא יוֹמָא דְגוּפָא", שַׁבָּת אִיז אַ טָאג נָאר פוּן דִי נְשָׁמָה, אַ טָאג וָואס מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת אִיז אַ צַייט פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (זוֹהַר שְׁמוֹת, פח:): ״בִּסְעוּדָתֵי אִלֵּין אִשְׁתְּמוֹדְעוּן יִשְׂרָאֵל דְּאִינוּן בְּנֵי מַלְכָּא, דְּאִינוּן מֵהֵיכְלָא דְמַלְכָּא, דְּאִינוּן בְּנֵי מְהֵימְנוּתָא״, וֶוער עֶס עֶסְט דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶס זֶעט זִיךְ אָן אַז עֶר אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס קִינְד, ״וּמַאן דִּפָגִים חַד סְעוּדָתָא מִנַּיְיהוּ אַחֲזֵי פְּגִימוּתָא לְעֵילָא, וְאַחֲזֵי גַּרְמֵיהּ דְּלָאו מִבְּנֵי מַלְכָּא עִלָּאָה הוּא, דְּלָאו מִבְּנֵי הֵיכְלָא דְמַלְכָּא הוּא, דְּלָאו מִזַּרְעָא קַדִּישָׁא דְיִשְׂרָאֵל הוּא״, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען פַארְפֶעלְט אַ סְעוּדָה אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, מֶען אִיז נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס קִינְד.

זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אִיךְ דַארְף דַיינֶע תְּפִילּוֹת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, תּוֹשָׁב קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן קוּמֶען הַיינְט נָאכְמִיטָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פוּנֶעם בַּעַל מַכְשִׁיר שְׁלִיטָ״א, וֶועלְכֶער הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מָארְגְן קוּמֶען הֶעלְפְן אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר בַּאפֶעסְטִיגְן דֶעם שְׁטֶעטְל. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (חֲבַקּוּק ג, יב): ״בְּזַעַם תִּצְעַד אָרֶץ״, אַז זַעַ״ם אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: זְ׳בִיחָה, עֵ׳ירוּב, מִ׳קְוֶה; מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן טוּט מֶען בַּאפֶעסְטִיגְן דֶעם פְּלַאץ.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג; מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה׳ אִין שְׁטֶעטְל צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אַ שִׁיעוּר פַארְטָאגְס אוּן אַ שִׁיעוּר בַּיינַאכְט. זָאלְסְטוּ קוּמֶען לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף אַ בִּזָיוֹן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְטְפֶער נִישְׁט אוֹיף קַיין בִּזְיוֹנוֹת, שְׁוַוייג אָפּ; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְּסְט פַארֶעכְטְן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵּד אוּן גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רָב אַ שְׁטִיק צוֹאָה. דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז אִים פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער וָואס אִיז מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דֶעם מִתְנַגֵּד אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: "שֵׁגֶץ!" וְכוּ' אוּן דֶער מִתְנַגֵּד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ'. הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אָנְגֶעכַאפְּט זַיין בַּאגְלֵייטֶער אוּן אִים גֶעזָאגְט: "שְׁוַוייג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ!" אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט".

בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ וֶוען דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר אַרַיין, זִי פַארְשֶׁעמְט דִיר, זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר זָאלְסְט שְׁטִילֶערְהֵייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת**"; וַוייל וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף אַ בִּזָיוֹן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; פְרֵיי זִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. מִיר דַארְפְן נִישְׁט פַאסְטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, מִיר דַארְפְן נִישְׁט טוּן קַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ' אוּן סִיגּוּפִים וְכוּ', דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אָן אַנְדֶערֶע סָארְט תִּיקּוּן, דֶער

תִּיקוּן אִיז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מִיר הָאבְּן אַ בִּזָיוֹן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן אַלֶע וְכוּ', דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים; רִיר נִישְׁט אָן דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, זַיי שְׁטָאלְץ דֶערְמִיט; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען שֶׁפַע בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

פָארְן קַיין אוּמַאן אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה לִידִידִי הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ ווִילְסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה; יֶעצְט אִיז נָאךְ אַבִּיסְל פְּרִי צוּ ווִיסְן ווִיפִיל עֶס גֵייט זַיין דֶער פְּרַייז, מֶען רֶעדְט נָאךְ נִישְׁט פוּן קַיין פְּרֵייזְן וְכוּ'; אִם יִרְצֶה ה' נָאךְ פֶּסַח הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְדִינְגֶען בֶּעטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה מִיט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אִינְמִיטְן זוּמֶער שְׁנַת תשע"ה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶערוּפְן אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ פְּלַאץ אִין אוּמַאן פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ ווִיל, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הֶעלְפְן מוֹהֲרָא"שׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ "וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן?" זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "לֵייג מִיר אַוֶועק צְוֵוי בֶּעטְן בַּיי דִיר, פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין זוּן, אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי דִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "וָואס גֵייט פָאר? מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם מֶעגַאמֶעטֶער?" הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "מִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען, אִיךְ בִּין אַ מְלוּמָּד מִלְחָמָה", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: "דוּ וֵוייסְט וָואס חוּשַׁי הָאַרְכִּי הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוּאֵל ב יז, ח): 'אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת אָבִיךָ וְאֶת אֲנָשָׁיו כִּי גִבֹּרִים הֵמָּה וּמָרֵי נֶפֶשׁ הֵמָּה, כְּדֹב שַׁכּוּל בַּשָּׂדֶה, וְאָבִיךָ אִישׁ מִלְחָמָה'; אִיךְ בִּין אַן אִישׁ מִלְחָמָה, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, מִיר קֶען מֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען. אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, לֵייג מִיר אַוֶועק אַ בֶּעט פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין זוּן"; אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, טְרַאכְטְנְדִיג:

'וָואס וֶועט זַיין ? עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִנְיָן ?' לְמַעֲשֶׂה נָאךְ אַ וָואךְ הָאט מִיךְ מוֹהֲרָא"ש גֶערוּפְן מֶעלְדְן אַז אַלֶעס אִיז מְסוּדָר.

דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת פוּן מוֹהֲרָא"ש ; בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט'ע זַאךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמֶדְרָשׁ וֶועט נִישְׁט זַיין וְכוּ' וְכוּ', אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז עֶר ווִיל זַיין בַּיי אוּנְז ; דֶעמָאלְט אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, מֶען אִיז גֶעלָאפְּן טָאג אוּן נַאכְט צוּ מוֹהֲרָא"ש רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ'. דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע נֶחָמָה אַז מוֹהֲרָא"ש ווִיל זַיין מִיט מִיר אוּן אִיךְ גְלוֹיבּ אַז מוֹהֲרָא"ש גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט אוּנְז סַיי אִין אוּמַאן אוּן סַיי אַ גַאנְץ יָאר, ווַייל דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם צַדִיק דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער צַדִיק.

בְּנוֹגֵעַ הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער ; עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער בָּחוּר, אָבֶּער עֶר דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וְכוּ', עֶס קֶען זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ אָבֶּער מֶען דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**דוּ קֶענְסְט רַאטֶעוֶוען לֶעבְּנְס דוּרְךְ הַפָּצָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא) : "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה", צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית ; בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע ווֶועלְט, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, ווִי עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה.

די נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק, בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, און מִיט אַ קוּנְטְרֵס, מִיט אַ גִּלָּיוֹן, מִיט אַ קַארְטְל - קֶענְסְטוּ פָּשׁוּט רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשְׁנְ׳ס לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט מַמָּשׁ פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן די וֶועלְט, טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אַזוֹיפִיל, עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל, נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג"; אוֹיב אִין רֶבִּי נָתָנ׳ס צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל, וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן... נָאר מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳.

אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים הָאט מֶען די רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

וֶוער עֶס גֵייט הַפָּצָה קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גָאר אַסַאךְ זְכוּתִים; וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה און מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיד הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, עֶר לֶעבְּט מִיט תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים וְכוּ׳ - די אַלֶע זְכוּתִים גֵייעֶן אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דֶער וָואס הָאט אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. און עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע נַחַת רוּחַ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַז אֵיינֶער בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּ אִים.

לֶערְן יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִי׳, טִיטְשֶׁער בֵּית פֵּיגָא.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ׳ן זַיין אַזַא גוּטֶע לֶערֶערִין; יֶעדֶער אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט. די קִינְדֶער הָאבְּן לִיב צוּ קוּמֶען אִין סְקוּל, זֵיי רֶעדְן מִיט עֶקְסְטַאז פוּן סְקוּל און זֵיי זֶענֶען שְׁטָאלְץ צוּ זַיין אַ "בֵּית פֵּיגָא" תַּלְמִידָה.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט; אִיךְ בִּין שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מִיר פָאלְגְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט. נִישְׁט יֶעדֶע בָּחוּר און תַּלְמִיד פָאלְגְט, אִיךְ דַארְף

אִיבֶּערְזָאגְן זַאכְן אֵיינְמָאל, צְוֵויי מָאל, צֶען מָאל און הוּנְדֶערְט מָאל, דָאךְ וֶוער אִיךְ נִישְׁט מִיד; אִיךְ זָאג נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען פָּאלְגְט, בִּיז מֶען פוֹעֶלְ'ט.

מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער און אַ זִיסֶע שְׁמֵייכְל פון הַארְץ קֶען מֶען אוּנְטֶער קוֹיפְן אַלֶע תַּלְמִידוֹת; אַז מֶען אִיז רוּאִיג און מֶען אִיז זִיכֶער מִיט זִיךְ וֶוערְט מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## דְרוּק וַוייטֶער דִי בְּרִיוו, לָאז דִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט דַיין גְרוֹיסְקֵייט אִין הִימְל מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרוּקְסְט דִי בְּרִיוו פון עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און דוּ בִּיסְט עֶס מְסַדֵר אַזוֹי הֶערְלִיךְ שֵׁיין; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בְּרִיוו, מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן לֶעבְּן דוּרְךְ דִי בְּרִיוו - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער יֵצֶר הָרַע אַרְבֶּעט אוֹיף דִיר, עֶר לָאקֶערְט אוֹיף דִיר, עֶר ווִיל דִיר מַחֲלִישׁ דַעַת זַיין וְכוּ' מִיט בִּלְבּוּלִים וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן און זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ'ן דְרוּקְן דִי בְּרִיוו. הַלְוַאי וֶוען דוּ קֶענְסְט יֶעדֶע וָואךְ אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס, אַז דִי מְפִיצִים זָאלְן דָאס קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ; דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ און זֶען נַחַת בַּיי זֵיי. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ מַדְרֵיגוֹת וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; וַוייל עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פון דִי וֶועלְט און מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ'ן דְרוּקְן דִי בְּרִיוו, דָאס שֵׁיין מְסַדֵר זַיין און וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן. וַוייל דִי בְּרִיוְון זֶענֶען מְחַזֵק צֶעבְרָאכֶענֶע בָּחוּרִים און צֶעבְּרָאכֶענֶע

מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ גֶעוֶועןְ פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, אוּן דַוְקָא דִי בְּרִיוֹן רֶעדְט זֵיי אוּן אִיז זֵיי מְחַזֵק.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הַאלְט אִין אֵיין הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן פְּרִישׁ אוּן פְרֵיילִיךְ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן הָאבְּן הַצְלָחָה.

בִּיז דֶערְוַוייל, בִּיז דוּ בַּאקוּמְסְט דַיין שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דֶעם מוֹסָד; דָאס וֶועט דִיר הַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן קַיין אַלְטֶער בָּחוּר. מֶען קֶען זַיין יוּנְג אִין יָארְן אוּן מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט, אוּן מֶען קֶען זַיין עֶלְטֶער אִין יָארְן אוּן אוֹיסְזֶען יוּנְג; מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אַזוֹי וְוי דוּ.

אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת מִיט וָואס מֶען דַארְף, בְּכָל פְּרַט וּפְרַט; דוּ וֶועסְט אַלֵיינְס טוּן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס זָאל דִיר נָאכְלוֹיפְן - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן פְּרִישׁ אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע - זָאלְסְטוּ זֶען אַז דִי שׁוּל זָאל זַיין רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל. אַ רֵיינֶע פְּלַאץ אִיז אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה, וְוידֶער אַ שְׁמוּצִיגֶע פְּלַאץ קֶען נִישְׁט זַיין אַ מָקוֹם פַאר הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן אִיךְ וַוארְט אוֹיף דַיין הַצְלָחָה.

...

**יוּנְגֶע קִינְדֶער דַארְפְן שְׁפִּילְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסִידְזְשׁ.

יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ שְׁטוּפְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, יוּנְגֶע

קִינְדֶער דַארְפְן שְׁפִּילְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן. מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אִין חֵדֶר גָאר אַסַאךְ, יֶעצְט אִיז דִי צַייט זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן; שְׁפְּרִינְגֶען, טַאנְצְן, קְרִיכְן אוּן לוֹיפְן, וְכוּ', וְכוּ'.

חוּץ מִזֶה, זֵיי כַאפְּן נָאךְ נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; זֵיי הוֹיבְּן אָן מִישְׁן דִי דַפִּים אוּן מַאכְן יֶעדְן טָאג סִיוּמִים... (אוֹיךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְט, צוּ בְּלֶעטֶערְן דִי הֵיילִיגֶע דַפִּים גְמָרָא).

בְּנוֹגֵעַ פַּרְנָסָה וְכוּ'; וִוי מֶער דוּ וֶועסְט שֶׁעצְן דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר דִיר מֶער אוּן מֶער שֶׁפַע, אִיר בֶּאֱמֶת שֶׁעצְן אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר, נִישְׁט סְתַּם זָאגְן. זִי זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הַאלְסְט פוּן אִיר, פוּן אִיר צְנִיעוּת אוּן פוּן אִיר וֶועג וִוי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן וְכוּ', וְכוּ'; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע.

...

**וֶוער עֶס הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי וֶוען אִיךְ נֶעם - גֶעבּ אִיךְ"; וֶוער עֶס הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט שֵׁיינֶע מַתָּנוֹת אִין לֶעבְּן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דִי מִצְוָה פוּן רֵיינִיגְן דִי סְקוּל זָאלְסְטוּ דָאס טוּן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ; טוּ עֶס מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן נֶעם נָאךְ מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי סְקוּל. אִיךְ ווִיל נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אַ גוֹי טָמֵא זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ - עֶר זָאל דַארְפְן רֵיינִיגְן דִי סְקוּל. נָאר מֵיידְלֶעךְ זָאלְן רֵיינִיגְן, מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן דִי אַחְרָיוּת צוּ הַאלְטְן רֵיין דָאס פְּלַאץ, נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן קַיין עֶסְן.

בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, דִי אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דִי יְשִׁיבָה, זֵיי הָאבְּן גֶעהָאלְפְן מִיטְ'ן רֵיינִיגְן וְכַדוֹמֶה - דִי הָאבְּן זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס זֶעלְבֶּע מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, דִי אַלֶע תַּלְמִידוֹת וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דִי סְקוּל הָאבְּן שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן לֶעבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ

זָאלְסְט וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי סְקוּל, עֶס זָאל זַיין זוֹיבֶּער אוּן צִיכְטִיג, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דוּ קֶענְסְט וַוייזְן דִי בְּרִיוּו פַאר דַיינֶע חַבְרְ'טֶעס, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי סְקוּל אוּן זַיין אַחְרַיוּת'דִיג.

...

## טוּן חֶסֶד אוֹיךְ אִינְדֶערְהֵיים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דִי מִצְוָה פוּן חֶסֶד; דוּ זָארְגְסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, דוּ זָארְגְסְט אַז אַלֶע זָאלְן הָאבְּן עֶסְן, קְלֵיידֶער וְכוּ', וְכוּ'; אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין מִצְוָה.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; וֶוען מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ, וֶוען זִי וַוארְט אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ אַלֶעס אָפְּלָאזְן אוּן שְׁנֶעל אַהֵיים לוֹיפְן.

גֶעדֶענְק אַז דַיין וַוייבּ אִיז דַיין לֶעבְּן; זִי דַארְף דִיךְ אוּן וַוארְט אוֹיף דִיר, זִי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער, זִי צֵיילְט דִי שָׁעוֹת אוּן מִינוּטְן וֶוען דוּ קוּמְסְט שׁוֹין אַהֵיים. זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְזוֹימֶען; בְּלַייבּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, גֵיי אַהֵיים אִיר הֶעלְפְן.

לֶעשׁ אוֹיס אַלֶע דַיינֶע טֶעלֶעפָאנֶען וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים; אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווִיפִיל טֶעלֶעפָאוּנְס דוּ הָאסְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ ווִיפִיל, אַלֶעס לֶעשׁ אוֹיס אַז וֶוען דוּ בִּיסְט מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ טַאקֶע זַיין מִיט אִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַלֶעס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט פוּן סְקוּל, אַז אַלֶע מֵיידְלֶעךְ פִירְן זִיךְ אוֹיף שֵׁיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ תַּלְמִידָה פוּן 'בֵּית פֵיגָא' צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן וְכוּ'. אַ 'בֵּית פֵיגָא' תַּלְמִידָה דַארְף זַיין זֵייעֶר אֵיידְל, רֶעדְן אֵיידְל, גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל. ווַייל אַלֶע קוּקְן אוֹיף דִי 'בֵּית פֵיגָא' תַּלְמִידוֹת, אַלֶע ווִילְן זֶען וָואס אִיז דָאס 'בֵּית פֵיגָא', וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג, דוּ הָאסְט עֶנְדֶערְשׁ לִיבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט, אָבֶּער מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ ווִילְן, אַ נֵייעֶ גֵייסְט. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי קְלֵיינֶע תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט; אִיךְ ווִיל טוּן דַיין ווִילְן, אִיךְ ווִיל הָאבְּן דִי בְּרָכָה פוּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", וֶוער עֶס גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ פַאר מִיר הָאבּ לִיבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער פְּרָאסְט, אִיךְ הָאבּ לִיבּ קוּרְץ, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, קְלֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁרֵייעֶדִיג וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אֵיידְל, אִיךְ ווִיל אָבֶּער זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל טוּן דַיין ווִילְן, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג; לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ הֵיילִיגְקֵייט, אַ רֵיינְקֵייט אִיךְ זָאל צִיעֶן צוּ גוּטְס, אִיךְ זָאל וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ".

אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דִי תְּפִלָּה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן עֶס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין דִיר אַ גוּטֶער מַלְאַךְ, "כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ", דֶער מַלְאָךְ וֶועט דִיר שְׁלֶעפְּן צוּ גוּטֶע קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְטְן, "לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ", דֶער מַלְאָךְ וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוּן דִיר הִיטְן.

לֵייג אַוֶועק דִי בְּרִיוו; זָאג דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַז דִי תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ הָאבּ לִיבּ קוּרְץ, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, קְלֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁרֵייעֶדִיג וְכוּ' וְכוּ'".

...

**יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, ווַאוּיל אִיז דֶעם מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

ווִיפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זְכִיָ' אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכוּת צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֶמֶת'דִיגֶע אוֹיג זֶעט מֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מוּטְשֶׁעט זִיךְ; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - יֶעדֶער אֵיינֶער מִקָטֹן וְעַד גָדוֹל גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. ווַאוּיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק אַז מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן; מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז זִי זָאל נִישְׁט ווערְן צֶעפַאלְן וֶוען אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט גְלַייךְ וְכוּ', וְכוּ'; יֶעדֶע בְּרִיוו וָואס מֶען שְׁרַייבְּט מִיר זֶע אִיךְ אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער. אַמָאל קֶען אִיךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן גְלַייךְ, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מְבַטֵל זַיין אַלֶע דִינִים.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מַיין הַארְץ, דוּ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

**קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה שֶׁל אֲרִיזַ"ל אִיז פַאר אַלֶעמֶען.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה שֶׁל אֲרִיזַ"ל אִיז פַאר אַלֶעמֶען, סֵיי פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי פַאר מֵיידְלֶעךְ.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַּאר'ן גֵיין שְׁלָאפְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:): רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט; זָאגְט דִי גְמָרָא אַפָּאר פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דִי עֶרְשְׁטֶע פְּשַׁט אִיז: "לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אוֹיךְ נֶעגְל וַואסֶער אִיז פַאר אַלֶעמֶען - סַיי פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי פַאר מֵיידְלֶעךְ; מֶען טְרֶעט נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מְ'רֶעדְט, בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער דַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ, אוּן אַז פוּן אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט וְכוּ' אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ וְכוּ' - עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט אַ 'נֵיין', בַּיים סוֹף וֶוערְט נִישְׁט דֶער שִׁידוּךְ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט דַיין שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ז): "הַשִּׁדּוּךְ שֶׁדּוֹבְרִים", וֶוען מֶען רֶעדְט אַ שִׁידוּךְ, "אַף-עַל-פִּי שֶׁאֵינוֹ נִגְמָר הַשִּׁדּוּךְ בְּעַצְמוֹ", דָאס אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, "גַּם זֶה מִן הַשָּׁמַיִם", דָאס אִיז פוּן הִימְל, "וְהַשִּׁדּוּךְ לְחוּד עוֹשֶׂה רֹשֶׁם בּוֹ וּבָהּ".

וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס וַוייבּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין רַאדְזִוויל בֶּעפָאר'ן אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט זַיין צְוֵוייטֶע וַוייבּ, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ פְּרוּוְוען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה): "אַלֶע זֶענֶען מַיינֶע

שִׁידוּכִים, און יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט כַּמָּה וְכַמָּה זִיווּגִים, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט עֶס אַנְדֶערְשׁ", אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט, און עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ..., דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ, דוּ וֶועסְט שֵׁיין חֲתוּנָה הָאבְּן און הָאבְּן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת; דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעצְט אִיז אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן פַאר דִיר, צִי דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק און זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

...